STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09832

UZORN

Broche Coodley

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ברכה קאַדלי

אוזאָרן

אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע פריינט
לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע, 1931

Copyrighted by B. Coodley
1931

פּאַסיפיק קאָאָפּעראַטיווע דרוקעריי, 259 וויסטאַ סט. לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.
55

דיין שפּע

די גאָב פון דיינע צערטלדיקע הענט,
וואָס גלעטן גליאיק און פאַרשעמט —
וויל איך צענויפזאַמלען אין גאַרבן,
ווי זאַנגען פון אַ ברויטן פעלד, —
און ווען מיין האַרבסט וועט קומען,
וועל איך דיין שפּע פאַרזייען איבער די וויאַנענדיקע טעג, —
און אפשר וועט אַזוי אַרום פאַרזאַמען זיך מיין זומער,
וואָס גרייט זיך שוין צו שטאַרבן.

דיינע צאַרטע קושן וויל איך איינזאַפּן אין מיינע גלידער,
און ווען עס וועלן קומען איינזאַמע טעג,
און אַן עלנט וועט זיך איבער מיר פאַרשפּרייטן,
וועל איך אויסשפּינען אַ רגע גליק
פון דיינע וואַרעמע רייד,
וואָס אָטעמען, ווי פולע רייפע קווייטן.

דעם ציטער פון דיין יונגן האַרץ
וויל איך אין מיינע שפּעטע יאָרן פאַרבאָרגן —
און ווען מיין ברויזנדיקער געלעכטער וועט פאַרשווינדן,
און די ערשטע פעדים פון זילבער־צייט
וועלן זיך אין מיינע האָר פאַרציען — —
וועל איך זיך אין וואונדערלאַכן ליכט פון דיין ליבשאַפט פאַרוויקלען,
און אַזוי, אין שטילן חלום, פאַרטליען . . .

מיין באגער

ווי דער שטורמווינט,
וואס רייסט אין הארבסט דעם בלאט פון בוים,
ווי די שוימענדע וועלן פון ים,
וואס שלאגן מיט אימפעט אין פעלזן זיך אפ —
אזוי וואלט איך אויסלעבן מיין לעבן געוואלט.
און דאן וואלט איך, ווי א מידער זיין רו,
באגעגענען דעם סוף פון מיינע טעג...

פיר

עפּעס פֿאַרשפּינסטו אין מיר

די ברייטקייט פֿון דיין שטערן
ציט
ווי דער ווייטער האָריזאָנט פֿון אַ קופּערנעם פֿאַרנאַכט.
און ווען דו שעפּטשעסט אַזוי חבריש צו מיר —
ווער איך פֿול מיט פֿאַרנאַכטן...
אַרום דיינע אויגן טונקלען זיך סודות,
וואָס רייצן,
ווי רייפֿע פּירות אויפֿן בוים אין האַרבסט.
און גערן שטיי איך אין טיפֿן וואַלד פֿון דיינע בליקן,
און טרינקענדיק,
ווער איך נאָך מער דורשטיק.

דיינע אָרעמס
שרייען אויס די ברייטקייט פֿון סטעפּ.
און ווען זיי קייטלען זיך אַרום מיין האַלדז,
דערפֿיל איך דעם פֿלאַטער פֿון ווייניקע ווינטן.

רחבותדיק,
ווי דער דניעפּער,
זינגען דיינע גלידער.
און מיט דיין נאָענטקייט
לייגט זיך אַ פֿאַס שימער
אויף מיינע לידער.

דער קלעק

דיין לעצטער בריוו צו מיר געשריבן, —
איין איינציק ווארט האסטו פארמעקט.
וויפל פרייד און וויפל פחד
דאס ווארט אין מיר האט אויפגעוועקט!
ווי וואלט איך, ליבסטער, וועלן וויסן,
וואס ליגט אין קלעק באהאלטן דארט?
איך וואלט דיין גאנצן בריוו געביטן
פאר אט דעם אויסגעמעקטן ווארט.

כ'וועל ניט פאַרטרינקען מיינע ציטערדיקע שעהן

פאַרוואָס, ווען דאָס צאַפּלדיק ברויזן
ליגט אונטערן שלאָס פון דיינע פאַרגאַנגענע יאָרן;
ווען ציטער פון חלומות
הייגנט אויף קרייץ פון דיין שכלדיקן צאָרן;
ווען שטאָלץ פון דיין טראָט
איז פון שטעטישע שטיינער פאַרשלונגען געוואָרן;
ווען אין הארצן בא דיר ליגט א הורבע פון ספקות;
ווען אין הארבסטיקע שאָטנס פאַרוויקלט —
האָסטו איבערגעקרייצט מיין וועג?

און איך —
אין פּרעליוד פון סוף זומער,
ווען עס ציטערט נאָך אין מיר א בייגקשאַפט
נאָך גאָלדענע שליאַכן;
מיט געמיט,
וואָס קען נאָך אזוי הארציק און קלינגענדיק לאַכן;
מיט בלויען שימער אין ווייכן אויג;
מיט גוף, וואָס איז נאָך לייכט צום בויג;
מיט צעבליטן פעלד פון נביאישע און נארישע חלומות; —

און איך —
צו וואָס פאַרטרינקען מיינע ציטערדיקע שעהן
אין דיין הארבסטיקער רייפקייט;
מיין דמיון זאָל נאָך אַלץ באַהעפטן
דיינע יונגע יאָרן מיט נצחון,
וואָס שפּילט נאָך איצט אויף דיינע אַקסלען?

מיינע שאַרלאַך־רויטע פרימאָרגנס,
וועלן סיי ווי סיי שוין ווערן פאַרצערט
אין בייגקשאַפט
נאָך דעם, וואָס איז מיר ניט געוועזן באַשערט.

ליבער איז מיר די נאַכט

אין פֿרימאָרגן
גליט מיין ווי נאָך מיט טיפֿערע שפּורן —
און שווערער ווערט מיין גורל מיר צו טראָגן.

פּלאָגט מיך רווישיקער טאָג,
וואָס בויערט מיין אויער
און צווינגט מיך צו דערמאָנען זיך אָן צווייפֿל,
וואָס ווערט אין מיר נאָך טיפֿער איינגעגעסן.

כ'האָב ליב אַזוי די נאַכט אויף מיין געלעגער,
וואָס וויגט מיך איין צום טיפֿן קלערן,
און וואָס פֿאַרוויגט דעם שוואַרצן פּלאָנטער פֿון מיין צווופֿל.
ליב איז מיר די נאַכט,
ווען קיינער קען מיין וויינען מיר ניט שטערן.

איך האָב געשוויגן און געגאַרט

פאַרוואָס איז אָט יענע שעה פאַרשוואונדן ?
פאַרוואָס איז מיין ווילן
מיט שטריק, מיט טויזנטער געבונדן ?

דיין בלוט
האָט אַ גאַנצע נאַכט געזונגען אין מיין אויער —
אין בייגקשאַפט נאָך דיין דינעם טרויער
האָב איך געוואַכט.
אין די ברעגן פון מיינע הענט
האָבן כישופדיק
דיינע צייז־צייכנס געברענט.

באַ מיין פענצטער האָט געגרויט באַגינען.
מיט שטילן מורמל
האָט אַ חלום דיין ליבשאַפט געשפונען,
אַזוי ווילד און אַזוי סובטיל —

איצט איז שטיל אין מיין געצעלט,
און העלער טאָג איז באַ מיין שוועל.
מיט האַרצן־ציטער
הער איך דיינע זאַפטיקע, צאַפּלדיקע רייד —
אַ רגע — אַ פונק, אַ פרייד,
און ציטעריק, און גליאיק מיין געמיט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב געשוויגן און גענאַרט, געשוויגן און געגאַרט.
איז דיין ליבשאַפט,
ווי פאַרפיום פון אַ נאַרציס,
אי שאַרף, אי צאַרט.
פאַרוואָס־זשע איז מיר אַזוי שווער ?
אפשר ברייגגט דאָס אימעצער מיין חלום מיר אהער ?

זכרונות

געווידמעט דעם ליכטיקן אנדיינק פון מיין פאטער

עס שמעקט מיט זאנגען־רויש
אויף רחבותדיקע ווייטן,
אויף ברייטע פעלדער בליט דער קארן,
אויף גרינעם סאמעט פון די סטעפעס
שוועבט מיין יונגנט א פארשייטע,
איינגעהילט אין גארן נאך א שטומען עפעס.

כ׳געדיינק :
א קארידאר א גלעזערנעם
אינמיטן פון א גארטן,
א בינטל קינדערישע יארן צווישן צווייגן.
אמאל ווי לויפנדיקע הערשן
און אמאל א טונקעלער געוועב פון שווייגן...

שטענדיק רוט אויף מיר מיין מאמעס ווייכער בליק,
וואס וואכט מיט פארזיכט
איבער מיין גוף, וואס איז צארט און ציטעריק ;
אויף די ליפן א שטילער געווימל —
בעט זי גאט און שרעקט זיך פאר מיין גורל,
און זוכט פאר מיר דאס טעלערל פון הימל...

כ׳געדיינק :
א גרויסער הויף בא אונדז מיט א ברייטן טויער ;
טיפער גלויבן בא מיין טאטן —
וואו איך האב געקליבן שטאלצן טרויער.

אַט זע איך אים —
אַ סימבאָל פון ביטחון —
אין אַ ווייסן טלית מיט בלויע תכלת־פּאַסן
פאַרהילט איז זיין געשטאַלט.
זיינע אויגן געצונדן אין הייליקן האָפן.
אין פרימאָרגנדיקע שעהן שטילע.
אין מזרח־ווינקל שטייט ער אַ געבויגענער,
און ציטערנדיק,
שעפּטשעט ער אַ תפילה נאָך אַ תפילה.
דער קערן פון זיין גלויבן
צעבליט אין מיר אַ טיפן פלאַטערן פון שירה.
אין דעם ניט־נערירטן וואַלד באַ מיר אין האַרץ,
וועבט זיך איין זיין קול פון שבת־נאַכטיקע געזאַנגען —
המבדיל בין קודש לחול,
המבדיל בין קודש לחול.
אַ פּלוצימדיקער ריטם אין מיין בלוט
באַפליגלט מיינע טריט.
אַ ביינקשאַפט זאַפּט זיך איין אין יעדן גליד,
און מיין טאַטנס שבת־נאַכטיקע געזאַנגען
פאַרזייען אין מיר דעם ערשטן פיבער פון אַ ליד.

פון דיין יונגער ליבשאפט שמעקט מיט בעז

דער אָוונט שפּראָצט און בלויט.
פון דיין יונגער ליבשאפט
שמעקט מיט בעז,
וואָס איך האָב קינדווייז געריסן באָם היימישן פלויט.

דיינע האָר דערציילן שטילע טיפקייט
פון רייפן קאָרן;
דערוועקן זיי אין מיר אַ ווילדן ברויזן.

אונטערן פלאַטער פון דיינע ליפּן
צעבליט אַ פרילינג אין מיין בלוט
מיט ווייסן צוויט;
אונטער דיינע ווייכע רייד
פאַרשווינדט מיין שווער געמיט.

צו אַ פרײַנט

באַם ערשטן צוק פון אַקסל,
װען דו האָסט מײַן שװעל באַטראָטן,
האָב איך דערהערט דײַן שטומען עלנט.
און ניט דײַן ליפּ, און ניט דײַן צונג
האָט געקענט פאַר מיר די רעטעניש דערקלערן,
װאָס האָט אַ קנויל פון עלף יאָר פאַרצײכנט אויף דײַן **שטערן**.
דײַנע יוגנט־טעג.
אָט איז אַ װעג —
פּאַלמען, בערג און זוניקער פּרימאָרגן.
און דו מיט רייד
װילסט די װעלט פון נאַר
אין שלײער פון חלומות שפּינען,
ניצחון־ליד אין מײדל־װײ געפינען...
דײַן אינגל־קאָפּ אין בלאָנדן זײד געקרױזט,
טרוימט פון זיג.
טײַפליש־קלוג, דײַן בליק, פאַרפירט און ברױזט,
װי קװאַל אין פרילינג באַרג אַראָפּ אין װילדן לױף.
יוגנט־שפּיל אין יעדן גליד,
אַ שטיפעריש ליד, װאָס גנבעט רואיקן געמיט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ביסטו אין ברײטן װעג אַװעק...
דײַן בלינדן דורשט
האָסטו געװאָלט מיט װאַנדער־רײַץ פאַרקניפּן.
און איצט?
שװײַגן דײַנע אויסגעבליכטע ליפּן.
דײַן האַרץ איז גלײַכגילטיק צו פרײד.
דײַן בלוט — פאַרסמט מיט זינד.
דײַנע אָרעמס, װי מידע װינטערדיקע צװײַגן,
װאָס האָבן שוין די לעצטע אױבסטן אויסגעגעבן;
דײַנע קרױזן — הפקרדיק צעטײלט —
זאָג, פאַר װעלכער פרײַז האָט ס'לעבן
דײַן יוגנט אָפּגעשײלט?

דרײַצן

ביסט מיר געוואָרן פרעמד

האָסט אויפגעפּראַלט מיין טיר
מיט וואוילינגעריש געמיט.
און מיט פריידיקן געזאַנג אויף דיינע ליפּן.
די שווערקייט פון „איך און וועלט“
האָט היינטיקן פרימאָרגן ניט געגליט אין דיינע אויגן.

פון דיין שעלמישן בליק
האָבן אַרויסגעקוקט מיינע לאַסטשענדיקע רייד,
און מיט ביטול
האָסטו אומגעטראָגן די פרייד,
וואָס איך האָב איינגעטיפט אין דיר.
איך האָב דיך ניט ליב אַזאַ ;
מיינע טריט האָבן זיך פאַרשנעלט,
און דו ביסט מיר געוואָרן ווייט און פרעמד.

עפּעס איינער אַ שלעכטער

מיט זילבערנעם געלעכטער
האָבן סטרונעס קלינגענדיק געלאַכט...
האָבן ווייסע שוואַנען פאַרטראַכט
אין בלויען טייך געוויגט זיך.

באַ די ברעגן זיינען צעדערן געוואַקסן —
גרינע וועכטער...
האָב איך באַגעגנט דיינע בליקן.
מיט פּרעס פון דיינע ליפּן
און פלאַטער פון לאַשטשענדיקן אָרעם
האָסטו דאָרט פאַר מיר געפלאָכטן ציטערדיקע גליקן...

ס'לאַכן נאָך סטרונעס מיט זילבער געלעכטער,
עס וויגן נאָך אַלץ זיך די שוואַנען,
די צעדערן יאָר נאָך יאָר גרינען,
נאָר דאָס גליק
האָט עפּעס איינער אַ שלעכטער
אַוועקגעגנבט
אין אַ שיינעם באַגינען...

ב ע ז

אַראָמאַט פון בעז־בליטן
אונטער מיין פענצטער
ציען אַוועק מיינע געדאַנקען ווייט, ווייט —
דאָרט, וואו ס'איז איינגעהילט אין פאַרגאַנגענע יאָרן
מיין פרילינג פון יוגנט־טעג,
מיין פרילינג, אפשר דער שענסטטער.

ס'שיינט די זון
אויף זילבערנע לעפעלאַך און אויף גלעזער טיי,
און אויף סאַלפעטקעס, ווייס ווי שניי.

אין דרויסן בליט אַ פרילינג,
ווי דער, פון וועלכן איך טראַכט אַצינד:
פייגלען שפּילן זיך מיט ווינט,
אין גאָרטן זיינען קנאָספּן ווייס,
מיט צוזאָג איז דער היינט,
ווי יענער טאָג,
ווען מיר זיינען געגאַנגען באַם ברעג פון פעלד,
וואָס איז געווען צעאַקערט און פריש צום זייען —
דער מאַי האָט געבליט אין טונקעלע אַלייען.

איך הער נאָך איצט דיין שעפּטשען אין דער שטיל,
וואָס איז געפאַלן אויף מיין אויער, ווי בלומען־צוויט;
דיינע נייגעריקע ליפּן אויף מיינע,
וואָס האָבן מיט ליבשאַפט געבליט.

אַראָמאַט פון בעז
האָט מיר דיין ליבשאַפט געבראַכט אין בלומען,
נאָר אַט יענער פרילינג וועט שוין קיינמאָל ניט קומען...

וועסט אייביק זיין דער נאַר...

כאַטש דיין האַנט אויף מיינער
איז געווען, ווי צופעליקער סודותדיקער פייער,
וואָס קען אמאָל צענויפלעכטן עקסטאַז מיט מורא אין אַ וואונדער,
וואָס איז אי שרעקנדיק, אי טייער;
דאָך האָסטו ניט געקענט פארשפינען אינם נעץ
פון דיינע פארפלאָנטערטע געוועבן
מיין יונג און אומבאַשטימט האַרץ,
וואָס ווערט נאָך אַזוי לייכט געצונדן.

דו וועסט אייביק זיין דער נאַר, וואָס בויגט זיך פאַר דעם ליבעס־געץ,
וועסט זיך אַלעמאָל אַליין פאַרוואונדן
און וועסט אַליין פון דעם ניט וויסן;
ווייל איידער עס האָט נאָך דער קנאָספּ אריינגעטיפט אין וואָרצל,
האָסטו שוין די בלעטער אָפּגעריסן...

נים קום צו מיר איצט

באַ מיר אין האַרץ
אַ כישוף קרייז פון בלומען
בליט פאַנאַנדער.

איז מיין באַגער —
צו בלייבן איצט אַליין
מיט מיין ווייסן פלאַנטער.

נים קום צו מיר, נים רייד.
כ׳וויל די שטילקייט זאָל נאָך שטילער ווערן,
שלינג איך מיינע טרערן.

לעש מיינע געדאַנקען,
כדי דאָס שעפטשען פון די בלומען
זאָל איך קלאָרער הערן ..

אכצן

אויפשטייג

ניט דער טאָל,
וואָס אָטעמט מיט גרינקייט און רו,
נאָר דו —
לאַכנדיק מיט אייביקן שניי צו דער זון,
לאָקסט מיך צו זיך, באַרג־
ניט מיט ווייכן גלעט
ציסטו פּעדימווייז אַרויס מיין לוסט צו דיר,
נאָר אין נוצלאָזער נאַקעטקייט איז דיין מאַגנעט;
אין דער סכנה,
וואָס שפּרייט מסירת־נפש אויף דיין וועג,
איז דיין קראַפט, וואָס קלינגט צו מיין געהער.
פון דער וויסטער בייזקייט, וואָס באַהאַלט זיך אינם פעלז,
בלענדט אַרויס דיין גרויסקייט.
העכער, העכער
זינגען דיינע שפּיצן זייער שיינענדיקן ניצחון —
דעם רוף צו זיך.
העכער, העכער
ציט מיך דיין פאַרקלעמטע איינזאַמקייט
צו פּרוּוון מיין גלייכגעוויכט.
און ווען איך קאָן מיין שטאָלץ ניט אונטערדריקן,
שנירט מיין איינזאַמקייט זיך איין אין דיינער,
און איך שטייג אַרויף צו דיר, צו דיין פעסטקייט.

צו די בערג

ריזיקע הויכן !
פעסטער פון דער ערד איז אייער רו.
איך וויל הויבן מיינע אויגן צו אייך,
פון דאָרט וויל איך שעפּן מיין הילף.
און אפשר
וויל איך זיך אָננעמען מיט דער שטאַרקייט,
וואָס איז אין אייך פאַרבאָרגן. —
כ'וויל אַריינאָטעמען דעם פאַרפיום,
וואָס די צעדערן צעשפּרייטן.
איך וויל אָנפילן מיינע אויערן מיט דעם סוד,
וואָס די בלעטער שעפּטשען. —
שטילע שיינקייטן פון פעלזן !
צעטיילט מיט מיר אייערע כוחות,
אַז איך זאָל די שטורעמס פון לעבן
קענען באַגעגענען אין טאָל
מיט זיכערן טראָט.

סיערא נעוואדא בערג

אין די בלויע הויכן,
אויף א שטח ווייט און ברייט,
ווי א טרוים פארוויקלט אין לעגענדע־רויכן,
ליגט „בראשית“ אויף א שטילער קייט : —
גרויע ריזן פון גראניט — קוקן פעלזן שטומערהייט.

א וועלט פון שטיינערנע קאפריזן —
בארג אויף בארג העכער, גרעסער,
א געוועב פון ליימיקע שלעסער,
אויסגעשפיצט אין פיאלעט — —
כישופדיקער סילועט.

יובלט שטיל א טיפע הייל :
וויל פארנארן צו אירע טיפן מיט א שמאלן וואסער־שרינט ;
מיט פארפרוירן שוואונג צום פליען
רייסט א פעלז זיך ווי א ווינט.

במארעס גליען אין אוזארן פון א זונפארגאנג ;
יבארן פעלזן זייער שטערן
אין קאלירנדיקן סלערן,
און פארוויגן זייער שטיינערדיקן צער
רויט־ברוסטיק אינם זון־פארגאנג.

מיט אמאל :
אן אדלער געשטאלט
קוקט מיט אויסגעשליפטן שטאל
מיט בענקשאפט פון געפיינקעניש
פון טויזנט יוניקע באטאגן.
די פליגל פאנאנדערגענומען צום טאל,
ווי גלייך אט טוט ער זיך א טראג.

אַט וואַקסט אַ באַרג מיט בראָנזענע ווענט,
ווי אַ רייע בעטלער מיט אויסגעשטרעקטע הענט;
דערנעבן:
האַלב אין זילבער, האַלב אין שאָטן,
איינגעזויגן אין אַ נעפּל,
הילט זיך אויף אַ טשערעדע מיט שאָף,
ווי פאַרגליווערט אין אַ שלאָף.

קוואַלן יאָגן זיך,
צעפּאַטלטע קוואַלן;
איבער פעלזנס שווייגן
טראָגט זיך אַ וואַסער געפילדער —
ראַש — ראַש — ראַש — ראַש — —

לויפן וואַסערן אַנטקעגן וואָגלער צו שטילן זיין דאָרשט
און זינגען שטח'ן פון ווייטע מיילן,
איינגעשלעפערט אין הייסע שטראַלן;
זינגען בישוף פון קאַלירן,
אויסגעהעפּט אויף פעלזן קאַרניוואַלן.

באַרג אַראָפּ צופוסנס,
צו די וואַסערן —
קומען אַנטקעגן קיפּאַריסן
און שעפּטשען דינע פאַרפיומען
צו די קוואַלן, וואָס ברענגען גרוסן פון די פעלזן.
ראַש — ראַש — ראַש — ראַש — —
צעפּאַטלטע וואַסערן
האַלטן אין איין קומען, האַלטן אין איין קומען.

פרילינג

פרילינג שלייכט.
יונגע גראָזן שפּרייטן ביינקשאַפטן פאַנאַנדער.
און זיי קלערן, —
מאַנדל־בליטן פלעכטן זיך אין ווינט,
מיט ווייסן סאַמעט קרויזן זיך מאַנגאָלי־בלעטער;
זון העפט כּישוף אין אַ צווייגן־פּלאָנטער,
און לאַנדישן וועבן דעם סוד פון ווערן.

אייביקייט ווינגט איר כּוח אין געווימל
און באַפעלט:
ס׳זאָלן אין בלימל שטענדיק דרימלען קערנער,
און אין די קערנער — נאָכאַמאָל אַ בלימל.

קאַליפאָרניע

ווי ס'לאַקט די שטילע גראַציע פון א רייפער פרוי,
וואָס איז איינגעוויקלט אין שטאָלץ פון א קנאַספּנדיקער ווענוס,
אזוי לאַקט דיין שלאַנקער געשטאַלט —
יפת תואר פון די שטאַטן, קאַליפאָרניע!

אין דעם לאַבירינט פון דיינע שטאָלצע סיעראַס,
וואָס שטייען, ווי גיגאַנטן פון אייביקייט,
פאַרטראַכט אין די שעפּטשענדיקע נאָדל־ביימער,
ליגט באַהאַלטן דער חלום פון די אומבאַהאָלפענע,
וואָס טרינקען דעם עליקסיר פון זון
צו פאַרלייגנערן זייערע ציטערדיקע טעג.

אין די וועגן, וואָס שלענגלען זיך מיט סטעזשקעס צו די הויכן,
ליגט די בייגקשאַפט פון וואַנדרער,
וואָס געפינט מוט און פאַרגעסנקייט
אין דעם אויפשטייגן און אין דעם זוכן וויין פון צען־טויזנט ווילדע בלומען,
מיט וואָס ער פילט אָן זיינע אָדערן.

שטייגן אויף מרגלים
און קומען צוריק אין טאָל:
מאַן מיט שטאַרקייט, פרוי — גראַציעזער און ווייכער,
און מיט פרישער ליבשאַפט אין זייערע הערצער.
דער טרוים פון דעם עקסצענטריק —
איינצואוויקלען זיינע קאַפּריזן
אין דער עקזאָטישקייט פון א טראָפּישן לאַנד —
ליגט אין דער פּאַטענץ פון דיינע גערטענער,
וואָס יום־טובט זייער שפע מיט קאַרניוואַלן,
קאַרניוואַלן פון די עסקאַנדידאַ פעלדער,
וואָס זיינען צעשניטן אין בראָקאַט פון טרויבן,
די פעלדער, וואָס פאַרזאָרגן די וועלט מיט ראָזשינקעס און וויין.

פּיר און צוואַנציק

קאַרניוואַלן פון די מעקאַ גערטנער,
וואָס שטאָלצירן מיט זייערע טייטלען,
וועלכע קענען זיך אַזוי אויסבאַקן נאָר פון דער הייסער זון פון קאַליפאָרניע.
קאַרניוואַלן פון מאַנדלען און פייגן אין אָנטאַריאָ,
דאָס דאָרף פון פרוכט און אַלפאַלפאַ.
קאַרניוואַלן יעדן יאָר —
דער צייכן פון דאַנקבאַרקייט צו די נאַטור כוחות,
פון די, וואָס זייערע הענט זיינען געבענטשט מיט פראַצע
און מיט די קושן פון דער ערד.
אין דיינע גירליאַנדן, קאַליפאָרניע, בליט אויף די פאַנטאַסמאַגאָריע פון פאָעט,
וואָס קומט צו דיר אויספלאַטערן דעם סימוואָל פון זיין דינקייט.
אין די פאַרבן פון דיינע בלומען וואַקכאַנאַליעס,
אין סימפאָניעס פון פאַרבן:
וואַגנדע, ברויזנדע ליידנשאַפט אין דער רויז פון טיפן פורפור,
וואָס סטימולירט דעם מאַרך און מאַכט פולסירן שטאַרקער דאָס בלוט.
קרעם מיט פיאָלעטע שפריצן —
שטילע קאָלירן פון טולפאַן,
וואָס הויכט אָן מיט באַשיידנקייט.
בלויע „ניטפאַרגעסמירלאַך“ מיט געלע הערצלאַך,
וואָס באַרואיקן.
דינינקע בלעטעלאַך פון סאַטין —
דאָס טשאַשקעלע גאָלד — „פאַפי“ — די בלום פון שטאַט,
וואָס פלאַטערט מיט שטאָלץ און דורכזיכטיקייט.

ווייסע מאַטילן, צאַרט און פרוילאַך אין זייער ציטערן.
עקזאָטישע אָרכידייען — איינצעלן אין זייער פאָרם,
ווי גייסטיקע פאַנטאָמען,
רופן צום אויג מיט סודות פון פורפל פאַרבן.
יאַקאַ, די בלום, וואָס מאַרשירט איבער די בערג, ווי זעלנער אָנגעטאָן אין ווייס
באַפוצט די אויטאָס — אַ פלאַג פון טריאומף —
דער צייכן פון אַ געבענטשטן טאָג
פאַרווילט אין די בערג.
וויסטאַריע — ווייַנריב־פלאַנץ,

וואָס פלעכט זיך אוים אין אַ ווייסן יום טוב יעדן יאָר
אין סיערא מאדרע —
פאַר דעם אוואַנטוריסט,
וואָס קומט אַהער פון דער גאַנצער וועלט צו זוכן וואונדער.

פּאַסאַדינע טורנאַמענט פון בלומען,
די שטאָלצע קאַקטעקע פון ערשטן יאַנואַר.
בליטן פּאַרפּיום —
שיכרות, וואָס רופט הייסע ווינטן אין די בלוטן
קומט צוגלייך מיט די אַפּעלסינען,
וואָס זינגען מיט זאַפט און זון זייער רייפקייט
צו דעם לעצטן זשאַר פון זונפאַרגאַנג,
איידער מען שניידט זיי צום געברויך
אין אָנהייב פעברואַר.

הערסטו די פרייד,
וואָס די פייגל זינגען זיך פון האַרץ אַראָפּ?
אונטער פּאַלמען שאָטנס
דעם קלימאַט פון אַנדערשקייט
צעשפּרייטן זיי אין דער אַטמאָספערע מיט לירישן פאַרגיין.
אַ לויב צום שלאַנקן עווקאַליפּט
טרעלן זיי אוים פאַר זייער נעסט,
אַ פרייד פון דרימלענדיקער זון אויף נייעם גראָז,
זינגען זיי אין טיפן ווינטער זייער גליק —
אַ דאַנק צו דער צייט,
וואָס איז ווי איינגעשלאָפן,
און דער זומער האָט אַריינגעגנבעט זיך צוריק.

מאראנצן

אין שטענדיקן זומער־טאָג
ליגט ערד מיט רייכן צוזאָג.
זויגן שטאמען גלוסט פון וואָרצלען
און ציטערן אויף זייער באגער.
באָדן זיך ביימער אין שוואונג פון ווינט;
און שטייפן זיך אויף מוטערשאפט,
קנאָספן זאפטיקן זיך
און קלערן:
וויפל רגעם נאָך צום ווערן?

שטיפמוטערלאך

(אַ בינטל בלומען ה. רויזענבלאט'ן צו זיין 25־יאָריקן יוביליי)

אַ קערנדל גאָלד אויף שפּריצן פון טוי,
אַ הויך פונם פרילינגס באַגינען —
איז אַן אוצר פון סודות
צוקאָפּנס פון גאָרטן פאַנאַנדערגעשפּינען:
שטיפמוטערלאך
בונטן נאָך בונטן.
איינס נאָך איינס איילן זיך,
בליען אין פאַרבן:
אַ לוין צו דעם גאָלד אין דעם טוי
איידער דער פרילינג וועט שטאַרבן.
געטיפט אין סאַמעטענעם גלעט,
נידעריק, שטיל,
ווי אַ טונקעלער פּאַרלאַנגען־שפּיל,
שלייפלען זיך בלעטלאך
מיט ברוין און פיאָלעט,
און די הערצלאך אינמיטן,
ווי אַ גאָלדענער געבעט.
געלינקע:
פלאַטערן ווי פריידיקע קלאַנגען,
העל און דין
אין טונקעלע ברעגן געפאַנגען.
ליכטיק בלויע:
קורץ און זעלטן,

ווי צופֿרידענע נעדאַנקען,
וואָס וואַנקען אין אַ יונגער מיידלס וועלטן.
שטיפֿמוטערלאַך, שטיפֿמוטערלאַך,
קורצווייליק און פֿילפֿאַרביק,
ווי אַ באַגער
אין אַ מאָמענט אַ געגאַרטן,
רייצן מיט אַן אַראָמאַט אַ צאַרטן ;
גינגאָלד, פֿיאָלעט
שווייגן אַ געבעט :
פֿליקט אונז שנעלער, ווייל ס'איז פֿרילינג,
אַז ניט וועט זיין צו שפּעט.

אַרכידייען

אַרכידייען,
ווי ווייסע געשאַכטענע טויבן,
מיט פאַרבלוטיקטע קעפּלאַך
היינגען אַרונטער פאַרחלשט
אין די לעצטע טעג פון פרילינג, —
די רויטע בליאונג שיילט זיך אָפּ און פאַלט.
און אַזוי בלוטיקן זיי אויס
אויף גלעזערנע ווענט פון אָראַנזשערייען.
און צאַרטער ווערן זיי, די טויטע אַרכידייען,
אין חודש מערץ.

אין אַ קאַליפאָרניער גאָרטן

בונטע כריזאַנטעמען
באַפליגלען מיינע יונגע טריט.
אין יעדן בלאַט — אַ רעטעניש פון פאַרבן;
דער דינער אַראָמאַט
וועקט אויף מיין ביינקשאַפט.

די מאַגנאָליע
זינגט אַ ליד פון פרילינג
מיט כישופדיקן צייכן,
וואָס די סאַמעטענע בלומען צעשפּרייטן;
ווי ווייסע טויבן קוקן זיי אַרונטער
און רייצן מיט דעם, וואָס מען קען זיי ניט דערגרייכן.

פּאַלמען רופן צו דער טויב
מיט ציטער פון צעשפּרייטע הענט.
מיט פאַרצווייגטן שאָטן
קילן זיי אָפּ דעם גאָלדענעם שטויב.

אויף אַ שלאַנקן שטענגל דין און גרין
פלאַטערן גלעקלאַך, אָנגעפילט מיט זון;
ווייען מיט פרייד,
וואָס זיי איז געראָטן
צו זיין די אויסדערוויילטע פון בלומען אין קאַליפאָרניע —
די „פּאַפּי“.

שווערע בונטן טרויבן
קלעטערן אויפן פּלויט,
און זינגען פייער פון וויין,
וואָס איז דערווייל באַהאַלטן
אין פּיאַלעטע הויטן.

נאָדל ביימער שעפּטשען
א טונקל־גרינעם סילועט פון חלומות.

איבער דעם גאָרטן —
א בלויער פאַרנאַכט ;
שנייאיקע פעלזן־שפּיצן אין רעפלעקס פון זונפאַרגאַנג
האָבן זיך אין קופּער פאַרטראַכט.

ווי א וואלד אין ווינטער

ווי א וואלד אין ווינטער
איינגעשטילט מיט שניי —
אזוי איז דער רייפער זומער,
וואס גליט אין מיינע גלידער,
איינגעוויגט
אין די אוזארן פון מיינע לידער.

ס׳שאַריעט אויף טאָג

אין אַ ראַפּסאָדי פון גליענדיקן זשאַר
צעבליט דער קנאָספּ פון באַגינען.

קופּער געזוימט מיט פּיאָלעטע פּאַסן —
שווימט אַרויס אַן אימפּאָזאַנטער שוואַן,
שטרעקט די פליגל אין פאַרב פון אַפּריקאָסן,
אָפּצושטעלן פון צייט דעם גאָלדענעם קאַראַוואַן.

הימעלאַך פון שניי אויף די בערג שפּיצן
צירן זיך אין אַ פּלאָנטער פון פּורפּור שפּריצן.

קאָלירן אין בלאַסן גרין שטראָמען און שטראָמען.
וויגן זיך אין דרימל
בראָנזענע פאַנטאָמען:
ליגט אַן איינציקער בוים אויפן הימל.

אין שטילן פייער קומען וואָלקנס און פאַרשווינדן.
אין די רייד פון וואַסערפאַל קלינגט דער סימוואָל פון דעם טאָג.
ווערט פּרימאָרגן אָנגעצונדן
אין אַ בלויען צוזאָג.

איין מאָמענט האַלט איין אַלע מאָמענטן.
גייט אויף די זון.
אַ סימפּאָניע פון פאַרבן, רירנד און שטום
האָט איינגעשטילט די בייַנקשאַפט פון מיינע הענט.

סעפּטעמבער

שטיל ברענט דער אָסיען
אין נאַקעטן צווייג.
דינער און דינער די ביימער.
אויף די אַשעס פון בלומען
ליגט דער טויט אין אַ וואונדערלאַך גליען.
אין גאָלדיקן ברוין
פאַלן בלעטער ;
זינגט דער ווינט צו דער ערד
אַ ווינטערדיקן שפּעטער.

קווייטן־פעלד

אין אוזאָרן פון פירעקעכדיקע בייטן
שלאָפט דאָס פעלד ווייט און ברייט ;
שאַרט זיך פרימאָרגן אין טויאיקן קלייד
איבער דעם געזאַנג פון קווייטן.

מיט צאַרטן אָטעם ווייסע קווייטן גלעטן,
שניידן איבער מיינס אַ חלום אין צווייען : —
ווייסע קווייטן — ווייסע בייטן,
ווי אַ חלום אונטער שנייען.

ווי אַ פייער אין פאַרפיומען,
גליט די רויטע קווייט אין פלאַמען ;
וועבט זיך ליבשאַפט צווישן בין און זאָמען —
כ'וואָלט וועלן דער פרימאָרגן זאָל זיך איצט פאַרזאַמען.

קווייטן אין אַ צאַרטן קרעם
זינגען אויס אַ שטילע פרייד אין שווייגן.
שאַרן אויס פאַרבאַרגענע געדאַנקען פון מיין ברעם —
שטיי איך אַ פאַרטרוימטע צווישן צווייגן.

אין קווייטן־וועב הוזשען בינען, הוזשען ;
רייצנדיק איז דאָ די נאָענטקייט, ווי די ווייטן,
ווי אַ כישופמאַכער וואָלט וואָראָזשען
פון אַ צופאַל אַ פאַרשייטן . . .

אָקטאָבער

אין דינעם שלייער נעפּלט זיך אָקטאָבער־נאַכט.
האַרבסט־אומעט ציט זיך צו די שאָטנדיקע שויבן.
באַטויבטע פעלדער חלומען פון פאַרגאַנגענעם זאַנגען־רויש.
ווינט לאַסטשעט זיך צו שווערע בונטן טרויבן.
אויף לאָנקעס שפּרייט זיך טויטער בלאַט,
ווי גרינער פּליוש מיט בראָנז באַצירט.
זומער־לוין דרימלט אין פּיין־געשמאַק פון רייפע אויבסן,
וואָס פאַלן, פאַלן — שפּרייטן נייע אוצרות.
ערד טריקנט רעגן אויס צופרידן
און חלומט נייע פאַרלאַנגען פאַר דעם פרילינג־מאָרגן.

לעצטע טעג פון זומער

די ערד אין גאָרטן ליגט אַן אויסגעלייזטע
און אָטעמט מיט זאַפטיקן זומער.
טרויבן קוקן אַרויס פון אונטער די בלעטער
און וואַרטן,
אַז עמיץ זאָל דורך זיי
דעם חלום פון שפּע דערגרייכן.
די לעצטע פייגן זיינען פאַרוואונדעט פון די טויבן;
און די צווייגן בויגן זיך אונטער דעם יאָך.
באַלד וועט זומער יום טוב
איינגעוויקלט זיין אין ברוינע בלעטער.
און עס פאַרציען צום האַרבסטיקן שפּעטער
די לעצטע בלומען אויפן צווייג,
וואָס גליען און פאַלן צו דער ערד
אין אַ פּופּורנעם שווייגן.

אין דער דינקייט

אין דער דינקייט
פון מיין געטאָקטן פּראָפיל
ליכטיקן אויס יונגעלייט
זייערע פאַרביקע אילוזיעס.

קומען נעפּלדיקע שלייערן
פון מיינע ברעמען
און דעקן צו דעם זוניקן רייך
פון מיינע אויגן,
ווי זיי וואָלטן זיי באַשיצן פון ווערן.
פאַרביינקטע בליקן
חלומען שווייגנדיק,
ווי די זאָמען אין די זאַנגען,
אַז זון זאָל פון אונטער דעם וואָלקן אַרויס
און כאָטש נאָר אויסלאַכן
זייערע אויפגעבליטע פאַרלאַנגען.

מיינע שמייכלען,
וואָס באָרגן אויסגעטראַכטע וועלטן
פאַרן שפּעטער,
לייזן אויס באַ זיי
פאַר אַ מאָמענט
די שוועריקייט פון גרוי נעמיט.
און אין מיר —
זינגט מיין נצחון שטאַרקער אויס די ריזיקייט,
זינגט אַ ליד אין יעדן גליד.

טאנגאָ

שמעקט מיט ווילדן מאַן דער קלאַנג פון פּלייט ;
די שעה איז כישופדיק און שפּעט.
דער קאָרנעט פאַרנאַרט אַ טענצערן מיט בלאָנדע צעפּ
אין די פלינקע אָרעמס פון אַ ברונעט.
זיי פלאַטערן ווילד און פלאַטערן ווילדער : —
קאַפּריזנע גלידער
מיט ברייטן קוראַזש
קלעמען צעניוף און צעשיידן זיך ווידער —
שפּינען אַ בלויען מיראַזש.
דעם יאָך פון יוגנט — אי גרינג, אי שווער,
פלעכטן שפּיצן פינגער אויס אַ טויזנט־האַרציקן באַגער.
אַט קלאַפּן אויס טריט אַ העלפאַנטביין פּאַלאַץ, ווייט און עכט,
און זיי, ביידע טענצער, אין גאָלד און אין זייד,
שוועבן אין שאָטן פון טרויבן־געפלעכט.
און אָט פון העלער הויט,
שפּרייט זיך אויס אַ דערנער קראַנץ אין מיטן טאַנץ :
טריט־טראָט. טריט־טראָט.
צום טאַקט גאַלאָפּירן פאַנטאַסטישע טריט, —
רייצן זיך ליפּן און קושן זיך נים.
קערפּער מיט קערפּער אין פלינקן געדריי,
העפטיק פאַרוועבט, ווי אַ נאַכט אין אַ שניי.
וויגן זיך ווילדע באַגערן אין ציטער ;
בייגט זיך די פרוי, ווי אַ זאַנג פאַרן שניטער ;
פאַרגיסט זיך די פּלייט אין אַ שטילן געלעכטער ;
שאַרעווען טריט — אַ שלאַכט פון געשלעכטער,
קני צו קני — פאַרשייט פאַר אַ מינוט —
טוט זיך אַ טרוים אויף צווייען אַ שניט.

מערציק

שאַרעווען טריט און גרייכן, און גרייכן
פּעדים פון האַרץ דורך פוס־פינגערשפּיצן
צום טאַקט פון די טריט;
בייטן זיך בליקן מיט פלאַמיקע בליצן.
טאַק־אַ־טאַק, טאַק־אַ־טאַק, טאַק־אַ־טאַק, טאַק־אַ־טאַק.
פלינק און פלינקער — איינס און צוויי —
פלעכט זיך אַ רויז, פאַרוויקלט אין וויי,
טריט־טראַט, טריט־טראַט.
פלעכט זיך אַ פלאַנטער פאַנאַנדער.
פייער־קוראַזש. פייער־קוראַזש —
פלעכט זיך פאַנאַנדער אַ בלויער מיראַזש:
טאַק־אַ־טאַ, טאַק־אַ־טאַ, טאַק־אַ־טאַ, טאַק־אַ־טאַ.
פלעכט זיך פאַנאַנדער אַ בלויער מיראַזש.

מיין גורל

א וואנדערנדע הארץ, געריבט פון גלויבן,
יארן, וואס צייטיקן אין גראציע פון צער,
א לעבן א ציטעריקס, וואס הענגט אויף א האר.

א שווערער וואלקן, וואס טריפט איבער מיר מיט טראפנס וויי
און בלענדט מיינע טעג מיט א וואונדערלאכן גרוי,
א שאטן, וואס האט אויסגעשפרייט פאר מיר א וועג א שווערן —
דאס איז מיין גורל, וואס ליגט אויף מיינע הענט, ווי א קינד אין טרערן...

מיינע טעג

אויף אַ סטעזשקע פון מיין זיכרון
קומען צוריק די פאַרגאַנגענע יאָרן.

אַט פלאַטערן טעג פון ברויזנדיקער יוגנט.
בלאַנקע שאַרפע מעסערס רייצן מיך צו שפילן זיך מיט זיי.
אין מיין ניט־געשיקטקייט
וואונדיקט זיך מיין האַרץ.
און איך וואונדער זיך, און ווייס ניט,
אַז דאָס האָב איך שפילנדיק אַליין זיך צעשניטן.

אין דעם טיף פון מיינע גרונטן
האָבן די טעג פאַרזייט אַן אוצר פון וואונדן.

גרוי און שווער שטייען טעג —
דורשטיקע אָקסן איינגעשפאַנט
שלעפן מיט לאַנגזאַמע טריט אַ שווערע לאַסט —
דורך פעלדער נאַקעט און אונענדלאַך ווייט
ציען זיי דורשטיק און גרוי, און מיד.

מיט טיפער איינזאַמקייט
האָבן די אָקסן־טעג פאַרשפרייט מיין וועג.

אין שפיל פון זוכן גליק
זיינען די טעג אַ צעבראָכענע שיף,
וואָס ווינגט זיך צווישן כוואַליע און פעלז
אויף צעריסענע שטריק.

אויף אַ שטרייענגן שווערן וועג
שנירלען זיך מיינע פאַרגאַנגענע טעג.

די טעג, וואָס בלאַנקען אין זייער ברויזנדיקייט
גייען מיר פאַרביי מיט פאַראַכטונג
און קוקן זיך אפילו ניט אום.
די גרויע גייען אויף מיט טיפן ווײ
און טוליען זיך צו מיר נאָענט און שטום.

און אין דעם קרומען קוק
פון די טעג, וואָס זיינען אַ צעבראָכענע שיף,
זע איך דעם סימבאָל פון מיין גורל.

פרעמד פאַרמעגן

פרעמד פאַרמעגן ציילן מיינע הענט.
יעדע ווייל
קומען צו מטבעות אין דער קאַסע
און קלינגען אויס דעם צער פון שווערער פּראַצע;
און מיין נייגיר נאָך ברויט
וויקלט איין אַ שווערן יאָך אין מיינע גלידער.

די טעג זיינען אויסגעצויגן אויף הויכע גרויע ווענט,
וואָס אָטעמען מיט לאַנגווייל.
מיינע טריט,
וואָס חלומען די ווייכקייט פון פרישן גראָז,
ווערן איינגעשלונגען פון האַרטן, קאַלטן דיל —
דורך טעגלאַכן געאייל.

פאַרבאָרגן ציטערט אין מיר בייִנקשאַפט נאָך אַ העלן הימל.
אַ כוואַליע פון טרויער נעמט דורך אַלע מיינע אָדערן.
אויף דעם פענצטער קאַלטער אָסיען טריפט,
און מיין שווייגן איז שווער און טיף.

פראַצע

(ראָוז און ישׂראל וואַנעטיק)

מיינע דערשראָקענע הענט
ציען זיך איבער לאַנגע ברייטע טישן —
צו דראַפּירן פּאָרטיערן.

פּיאַלעטער פּליוש מיט גאָלדענע קווייטן בלענדט,
פאַלן גראַציעזע פאַלדן און באַהאַלטן מיין שווערע מי.
פון אַ שטיקל הימל רייסן זיך אַ פּאָר הארבסטיקע שטראַלן,
שפּילן אויף די גרויע ווענט.
און פאַרשאַרפן מיין ניט־געשטילטע בייִנקעניש נאָך רו.
לויפן מיינע פינגער פלינק און פלינקער
איבער פאַסן פּליוש —
אײַלן זיך צו פאַרגרייטן פענצטער פון פּאָר רייכע זאַלן.

זיידענער בראָקאַט און אוזאָרן פון צווייגן
געוועבט מיט פייערדיקן רויט,
שניידן אויף אין מיר מיין מוראדיקן שווייגן;
אויפן קרייץ מיין געציילטער ציטעריקער כוח
פאַר דעם טרוקן ברויט.

ווי יונגע גראָזן
גלעטן העל־גרינע פאַרבן אויף פּליוש,
שנירט זיך איין מיין טיפער ווילן אין אַ געשפּיצטן מוזן.
מיין געדולד צאַנקט,
ווי די שיין אין אַ פאַררויכערטן לאַמטערן ;
די וואָך איז לאַנג און גרוי.
מיד בין איך — מיד פון יאָך פון שווערן.

װער װעט אױסלײזן די טיפע קנײטשן אױף מײן שטערן,
װאָס קאַרבן אײַן די שװערע פּראַצע אין מיר אַזױ?
מײנע אױגן זײנען מיד און שטאַר
פון שליסן רינגען אין די פֿאַלדן —
אױף העל־בלױען פֿליוש
שװאַרצע רינגען.
קלינגען אין מײן אױער קאַפּריזן פון פאַרליבטע,
װאָס די פאַרהאַנגען װילן פאַרצאַמען —
װערט פאַרשאַרפט און ברײט מײן גאַרן
נאָך װײכע רײד.

שװאַרצע רינגען
װעלן זינגען די מי פון מײנע פינגער
אױף טירן
װאָס װעלן פירן צו רײכע דאַמען,
װעלכע גנבענען פון מיר די זון
און זײנען טױב צום װילדן צאָרן,
װאָס ברענט אין מיר דערפון.

דיינע רייד

(רחלען)

אמאָל, ווען דו דערציילסט מיר וועגן דיינס א סוד,
זיינען דיינע רייד, ווי פאַנטאָמען —
מיסטעריעז און שאָטנדיק.
און ווי א שטילע אַנדאַנטע זיינען זיי —
דין און ציטערדיק.
און ווען ס'קומט צו די באַהאַלטענע זאַכן,
וואָס קיינער דערציילט ניט,
וויקלען זיך די רייד צוריק אין האַלדז אריין,
און זיי ענדיקן זיך אין שטומען ריטם.

ווען דו שעפּטשעסט וועגן דעם, ווי דיין יוגנט איז פאַרביי,
זיינען דיינע רייד אין קוראַזש פאַרהילט.
זיי דערמאָנען מיך אָן א טייך א שלאַנקן,
און עס טוט מיר עפּעס אזוי באַנג...

ווען סאַרקאַזם קומט אויף דיינע ליפּן —
אויף לעבן און טויט,
פאַרוואַנדלען זיך אין שווערדן דיינע רייד.
און פון שרעק
בייט זיך פון די שווערדן דער בלויער שטאָל אויף רויט.

ווען דו צווייפלסט,
ציען זיך לאַנגע פּריירים אין שפּעטן האַרבסט.
דיינע רייד קומען טיף בלויע און נעבפּלט,
אזוי ווייט און סובטיל,
אזוי שטיל.

דיינע שטיפערישע רייד זיינען געמיטלאך,
ווי גאָלדענע פישעלאך, וואָס פּליעשטשען זיך אין וואסער,
ווען זיי יאָגן איינס דאָס צווייטע אריבער
אין סטאַקאַטאָ קלאַנג.

ווען דו טיילסט מיר מיט עפּעס א שטורעם,
וואָס דו האָסט באַהערשט —
מורמלען דיינע רייד, ווי א ווינט,
און זיי לויפן אין אַלעגראָ טענער,
ווי גראַציעזע הערשן,
וואָס האָבן ערגעץ אין א מדבר פאַרבלאָנדזשעט,
און זיינען פאַרלוירן און צעטומלט...

צום קינד

אַפּטמאָל, דאַכט זיך, הער איך
דאָס שטיפערישע שעפּטשען פון דיינע טריט,
און אָט זיצסטו אַזאַ ליכטיקער בא מיר אויפן קני,
און עס ווערט מיר מאָדנע שווער,
און דאָס הארץ רייסט זיך און ציט.

אַ קנויל פון זיבן יאָר פארשווינדט —
און אָט ביסטו אַ פינעף־יאָריק קינד.
דיין פּנים — ווי אַ קנאָספּ,
וואָס דרימלט אין פארמאכטע בלעטער,
און איך קוק אויף דיר מיט ברייטער האָפענונג,
איינגעוויקלט אין אַ ווייטן שפּעטער.

— — — — — — — — — — — — — — — —

איצט ביסטו שוין עלטער
און טראָגסט שוין אַ פארטראכטן בליק ;
ווי בא דיין מאַמען שלענגלען זיך בא דיר די האָר. —
אויפן הארצן איז אַזוי שווער.
און עס שטיקן טרערן,
פאַר שרעק עס זאָל חלילה דער גורל דיינער
ווערן אזוי שווער ווי מיינער ווערן...

פּופּציק

פארמשפט

מיט שפּאַט צו דיין שטאַרקייט, גיגאַנט,
האָט שטריינג אַ נישטיקער אַטאָם
דיין שטאָלץ באַזיגט.
און בעת עס צאַפּלט נאָך דיין גוף
מיט יונגטלאַכן דראַנג
און ס׳שוימט אין יעדן גליד באַ דיר
עקשנותדיק דיין בלוט —
טיפט דער וואָרעם איין אַ פּראָסט
פון טויט שרעק אין דיין לייב.
לעשט זיך רגעוויים דיין טאָג
און ווערט
פון נישט־געגאַרבטע זאַנגען דער לאַמענט.

און צו געווינען כאַטש אַ ווייל
אינם טאָג־געאייל,
ביסטו, גיגאַנט,
פאַרמשפּט זיך צו קרייזן
אין אַ ראַנגלענדיקער וועלט פון אונטערגאַנג.

אינם אויסטויש

עס ליגט נישט מער דער אומעט
אין ווינקלען פון דינעם צער געשלאָסן:
אינם אויסטויש פון דער צייט
אַ חלום געוואָרן.
עס בלויט נישט מער די זעאונג
פון שלאַנקע מיידל־הענט —
די אַנדאַנטע וויגט זיך שוין נישט מער.

ברומענדיקע גרוילן האָבן אויפגעפּראַלט.
בלייבט דער אומעט אין אַ ווינקל,
צאַפּלט אין לעצטן אָטעם.
אויף ווינטיקע בריקן:
ראַנגלענדיקע יאָרן,
לערקייט און געזאַנג
אַ הפקר־מויל שרייט אוים
דעם אימפּעט פונם דור;
שטייגט דאָס קול,
טויבט, פאַרטויבט דעם ערשט־אַמאָל
אין בריאַזג פון ברומענדיקן פּויק,
פיבערט אוים אַ זוך־געשריי.

אפשר וועט דער אומעט אַ תיקון געפינען,
כאָטש אין דעם געוויין־זשום פון בינען,
וואָס זוכן — אפשר אומזיסט —
אויף פעלדער נאַקעטע אַ וויגנדיקן זאַנג.

צום נזיר

צעריים דעם צודעק פון דיין אפגעגאָרטעטער גאָטהייט
און צוים ניט מער דיין יוגנט־שעה אין פּריסטער קלייד!
באַ דער זון פון דיינע בלוטן
באָרג אַ פייערדיקן ווילן,
וואָס זאָל דיינע גלידער מיט גליענדיקן גאָרן פילן.

קוואַל אויס דיין פרייד,
ווי אַ לויפנדיקער טייך אין פרילינג באַרג אַראָפּ
קוואַלט אַרויס זיין ווינטערדיקן שווייגן.
ניב אויס דיינע באַנערן,
ווי דער שטורמווינט, וואָס רייסט אין האַרבסט דאָס בלאַט פון בוים.
נישט וואַרם,
נישט צייל —
מיט גלאָקן קלאַנג
איבער אַלע וועלטן הייגט באַפעל,
ווי גלייך ס'וואָלט מאָרגן געווען דיין אונטערגאַנג.

אויף דיין קבר

איך האָב דיך צו דיין קבר נים באַגלייט
און נים געצירט זיך אין קיין שוואַרצן קרעפּ,
און קיינער האָט מיינע טרערן נים געזען.
אין אַ שווערן וואָלקן,
וואָס פינסטערט אוים מיינע טעג,
ליגט מיין טרויער נאָך דיר.
און מיין טרויער־קלייד
איז אויסגעוועבט פון איינזאַמע נעכט,
וואָס קיינער קען נים אויסלייזן.
מוראַדיק שווייגן פאַרצערט מיינע גלידער, —
און די פרי־צייט פון מיין לעבן,
וואָס איז פאַרשניטן מיט דיין טויט,
וויינט אין מיינע שווערע לידער.

צו דער בארמהערציקער שוועסטער

צאַרט און דורכזיכטיק, ווי אַזשור,
שוועבט אַ ציטער פון אויסלייזונג אין דיין בליק,
באַרמהערציקע שוועסטער!
דער קרעכץ פון קראַנקן
קלינגט אָפּ אין דיין געמיט מיט אַ צייכן פון מיטגעפיל,
וואָס ליכטיקט אויס דיין וועזן,
ווי אַ רעליגיע דעם גלויביקן.
אין שעה פון שפּעטער נאַכט
ווערט דיין חלום איינגעשפּינט אין רו.
נאָר דו,
צו יעדן ריר פון קראַנקן
צאַפּלסט אויס אַ שרעק פון פאַרזיכט —
ניט צו פאַרשפּעטיקן דיין שטרענגן פּאָסטן.
דיין וואַכע אויג אין קלאָרקייט איינגעשפּאַנט,
היט מיט ציטער יעדן קנייטש פון ברעם
בא דעם, וואָס וואַרט אויף לייכטערונג
און שיקט דעם קלעם פון וויי אין זיין בליק צו דיר
נאָך אַ שטילן גלעט: —
אין אַזאַ מאָמענט
צירט זיך אויס דיין לױן פאַר דיין שווערער מיסיע
אין דערלייזונג,
וואָס וויקלט זיך אויס פון דאַנקבאַרער טרער
באַם קראַנקן.

„דער בער“

(עסעלינען)

אַט זע איך אים:
אויף שולטערן פון פעלז זיין קאָפּ,
געפּאַסט אין ברוינעם וואָל.
נאָכאַנאַנד,
מיט תמימותדיקער פרייד
ווינט ער געדאַנקען אין כוואַליענדיקע שורות
צום טאַקט פון ברום
פון זיינע תאוהדיקע ליפּן,
וואָס שטראָפּן מיט דונער פּאַר צופיל רייד.
שטענדיק אָנגעלאָדן מיט אַ זעאונג,
שפּרייזט ער הין און הער מיט שווערן טראָט,
ווי אין זיין שטייג דער בער.
און אַ פּנים האָט ער —
איז עס, ווי פון רויט־ברוינעם קופּער אויסגעקלאַפּט,
אין פאַלדן געפּוצט דאָ און דאָרט...
און רעדט ער צו וועמען, שפּריצן די אויגן מיט בליציקע רייפן;
און אַז מיט טיפקייט פון וואונדער
פלעכטן זיך איבער די ברעמען,
הייננט אַ וואָלקן אַראָפּ פון זיינע שלייפן.
זיינע שטאַרק־באַהאָרטע הענט
שפּרייטן אַלעמאָל אַ צאַרטן גלעט
אויף קעפּ פון קליינע קינדער.
פון ווייכע רייד
ווערט זיין גוטע האַרץ
ווי טריוואַקס פון אונטער פייער צעשוואָומען —
דאַן קען ער טיפקייט פון ווייטע וואונדער וועלטן
אין טויזנטפּאַך באַנעמען.
ווייל ער זיין קלאָרקייט באַטרינקען,
צעבינדט ער אַ קנויל —
און פון זיידענעם „תפילין־זעקל“
שפּינט ער פונקען...

זעקס און פופציק

וואָלט וויטמאַן

ברודער קאַלאָסאַלער!
פרוכט פון אַנגעשוואָלענער ביינקשאַפט פון דורות!
איינצעלן, ווי די זון! —
וואָלט וויטמאַן.
מיט מאַגנעטישן אָפּטימיזם אין דער וויבראַציע פון זיינע רייד,
מיט אָפענער ברוסט,
מיט ווילדן ריטם אין טראָט צום טאַקט פון טריאומף,
מיט אָרגיאַסטישן עקסטאַז פאַרזייעט ער קערנער פון חברשאַפט,
זעט ער דאָס מענטשנטום בליען אויף יסודות פון ברידערלאַכקייט.
בליטן פון קאָרן זעט ער אויפן אָרט פון שלאַכטפעלדער.
ער זעט דעם ווינטער אין שווייצאַריע,
איינגעהילט אין אַן איינזאַמען פעלז,
ווי ער זעט די אומצופרידענע,
וואָס קאָרטשען זיך אונטער דער בייטש פון שטאַט.

אונטער דעם אַראָמאַט פון זיינע „בלעטער"
צאַפּלט זיך אַ טיף־מענטשלאַך האַרץ פון אַ נביא,
וואָס פייערט דעם אמת מיט אָפענער קלאָרקייט.
דאָס פאַרטויבטע קול פון שקלאַף זינגט ער מיט וואָרימקייט.
מאָנומענט פון געזעץ ווערט פאַרניכטעט
אונטער זיין רחבותדיקער בריק פון ליבשאַפט.
ער הערט דעם שפּאַנישן טאַנץ צום טאַקט פון קאַסטאַניעטן,
ווי דעם קלאַנג פון קייטן אין שקלאַפן־מאַרש.
ער הערט די ליידנשאַפט פון דער ערד דורך פּריירי־גראָזן;
ער הערט דעם ווינט, וואָס אָטעמט מיט באַרג אויפן בריימן האָרסאָן;
ער הערט דעם פּלאָנטער פון קאָסמאָס
אין די טרערן פון אַן איינזאַמען,
וואָס וויינט אין דער שטיל פאַר זיך אַליין
אין אַ פינצטערער נאַכט;

ער הערט זוניקע מוט אין דעם געזאנג פון פייגלען,
וואָס דארפן קומען נאָך אים.

ווי דער בארג עווערעסט
פאר די פאָרשער,
וואָס ווילן באצווינגען די הויכן,
אזוי ביסטו פאר מיר, ריזיקער גיגאַנט,
פון אלע פאָעטן אין דיין דור דער אימפאָזאַנטסטער,
וואָלט וויטמאַן.

[illegible]

יאשא חפץ

וועז דו פאַרטרויעסט צו די סטרונעס
דיין מעלאַנכאָליע
דורך דעם לויף פון בויגן —
שווימט אַרום שטיקערווייס מיין לעבן פון ווייטן,
ווי באַדערנאַכט אין זילבערנע וואַלן אַ וואָלקן פאַרטראַכט.
און אַז דו צעפלייצט דיין פרייד־געזאַנג,
וואָס טיפט זיך אין אַן אַנדאַנטע פון שטילע פידל־טענער,
פאָכעט אַ שניי־ווייסער פליגל איבער מיינע אויערן גאָר באַנייט
און שעפטשעט מיר דעם סוד פון זיין.
וויגט מיך מיין פאַרלוירענער חלום
אין זיין גאָלדענעם וויגל
און טראָגט מיך אַוועק צו מיינע יוגנט־טעג — —
ווייט, ווייט.
געשטאַלטן אין פורפור פאַרבן טאַנצן אין ריטמישן שפּיל־געדריי,
ווען ס׳לאַכט אַרויס פון די סטרונעס דיין בענקשאַפט געשריי.
דיינע פידל־רייד בלאָזן אַראָפּ די שווערקייט פון מיין געמיט
און הויבן מיך אָן מיט נישט־דאַאיקער פרייד.
דורך דיינע קלאַנגען קומט דערלייזונג צו מיר
אין ליכטיקע פייערן געהילט,
אין פאַר אַ קורצער שעה
אין גאָלדענעם שלייער פאַרהילט זיך די וועלט.

יהודה מנוחין

וואונדער קינד !
דורך דיינע פידל־רייד
שעפטשען מיינע ליפן תפילות צו די הימלען
פאר דעם ליכט פון גאונות, וואס העלט איבער דיר.
ביסטו דער לוין פאר גאנצע דורדות טרערן ?
יארן און יארן האט שוויינעניש געגלים,
עס זאל א וואונדער חלום אין דיר נולד ווערן.
דו ביסט געהיימע בײנקשאפט פון א פאלק,
בײנקשאפט, וואס ברענט מיט איינגעשטילטן פלאם.
קלינגען דיינע מעלאדיען,
ווי א שטורעמווינט אין צוימען.
צארטער נאך, ווי מידער שלאף אויף מידע אויגן,
לייגן אויפן שווער געמיט זיך דיינע קלאנגען.
וואונדער קינד !
דו ביסט דער סימוואל
פון געפענטעטע פליגל מיט שארפע פארלאנגען.

פּ ײ ז אַ ז ש

מיט זיכערקייט,
ווי אַ קעניג פון אַ טראָן
קוקט אַרוים דאָס פּערטל עוף פון מיטן טעלער,
שטאָלצירנדיק מיט קראַפט,
וואָס קאָן אַרויסרופן
אַ גאַנצע נעסט פאַרלאַנגען אויף די ליפּן.

די קאַרטאָפל
ליגט באַשיידן בא דער זייט
און לייכט אַרוים מיט ווייסקייט,
קושנדיק די ברעגן פונם עוף,
און איז צופרידן
שוין נאָר פון בכבודיקן פּלאַץ, —
אפילו אויב זי ווערט ניט אָנגערירט.
(זי ווייס איר פּשטות אין דער מאכלים וועלט).
און די רויע גרינסן,
וואָס רופן מיט פאַרבנרייכן צוזאָג,
איילן זיך און ווילן מע זאָל זיי כאַטש אַ טשיפּע טאָן פון זייט.
אין אַ ווינקל אומבאַמערקט
ליגט אַ שטיקל ברויט, —
און פון קנאה צו די שכנים
קוועלט עס זיך אין צער פון שרעק,
צו פאַרגעסן ווערן צווישן די יחסנים.
און דער אַרבוז, גראַנדיעז צעשפּרייט,
ווינקט מיט זיינע שוואַרצע קערנער,
און אומגעדולדיק פּלאַטערט אוים אַ רוף צום שאַרף פון מעסער
און האָפט,
אַז באַלד וועט ער אין געענדערטן פורעם שווימען, —

און דערפאַר, וואָס ער האָט אַ צייט געבאַקן זיך אויף דער זון,
וועט ער זיין לוין באַקומען.
און דער וויין יוירט אין זיין זיבניעריקן חלום —
דעם טריאומף פון באַקכוס,
צו באַרוישן מיט שיכרות פון זיין פייער
די ביינקשאַפט פון אַ ניכטערן.

דאָרט, וואו קיין יום טוב איז ניטאָ

אַ קרייז פון געסט באַ רייך־ סערווירטן טיש.
געשמאַקע שפייז.
פינקלדיקער וויין,
וואָס זאָגט אָן אויסלייז צו פון וואָכעדיקע זאָרגן;
מיט באַשיידענעם חן
קוקט אַרויס פון אונטערן טוך
דער בלאַסער פסח־צייכן — די מצה,
נאָר דער יום טוב איז ניטאָ.
ביים ברעג פון טיש, פון קיינעם ניט באַרירט, אַ קליינער ספר,
וואָס חלומט אין דער סדר־נאַכט אַ תיקון צו געפינען,
האָט מיין עבר באַהעלט מיט שטילן שיין,
און אַ יום טוב אויף מיר אָנגעווייט. —
— — — — — — — — — — — —

מיין קינדהייט אין היימישע ווענט.
מיין מאַמעס זינגענדיקע אויגן, וואָס שפּראָצן מיט גלויבן,
פאַר געצונדענע ליכט אירע פרומע הענט,
איר האַרץ, וואָס זי עפנט פאַר גאָט מיט פּראָסטן וואָרט, —
האַלב אָפענע ליפּן, וואָס שעפּטשען תפילה און לויב.

מיין טאַטנס ציטער,
ווען ער האָט די טיר צו „שפוך חמתך“ געעפנט,
זיין פרייד פון גלויבן
אויף זיידענע פעדים פון לויטער האָפן,
די היילקייט, וואָס האָט פון זילבערנעם כוס אַרויסגעזונגען
— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

פון קיינעם ניט באַרירט, דער קליינער ספר,
האָט אויף מיר אַ יום טוב אָנגעווייט.